Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

| Nr. 158 (1153) | Łódź, Niedziela 10 Lipca 1927 | פינפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג י׳ תמוז תרפ״ז. | Nr. 158 (1153) |
|---|---|---|---|---|

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

# אמוניציע-אויפרייס אין בידגאשטש.

## שרעקליכע פאניק צווישען דער בעפעלקערונג. — פיל געביידעס צושטערט. —

בידגאשטש, 9 (טעלעפאניש) נעכטען 3 פארטאג איז אין דער אמוניציע-פאבריק אונטער בידגאשטש פארגעקומען אן׳אויפרייס פון די אנגעזאמעלטע גראנאטען. די עקספלאזיעס האבען געדויערט העכער 5 מינוט. א גאנצע רייה געביידעס זענען צושטערט געווארען, די אויפרייסען האבען ארויסגערופען א געוואלדיגע פאניק צווישען די ארומיגע איינוואוינער.

די אנגעמאכטע שאדענס זענען נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

די אויספארשונגס מאכט פיהרט אן׳ענערגישע אויספארשונג. ווי מיר דערוויסען זיך זענען קיין מענשליכע קרבנות ביי דעם אויפרייס נישט געווען.

## פארד — א בעל-תשובה.

נ י ו - י א ר ק, 9. (ספ. טעל.). א היגע צייטונג מיילט מיט, אז הענריק פארד האט אויסגעדריקט זיין בעדויערן צוליב די אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען פון דער צייטונג „דירבארק אינדעפענדענט“. פארד האט ערקלערט, אז ער וועט אין דער צייטונג מעהר נישט דריקען קיין אנטיסעמיטישע ארטיקלען און האט בעטאנט, אז דער אינהאלט פון די ביז איצטיגע ארטיקלען איז איהם פאר זייער ערשיינען נישט געווען בעקאנט.

נ י ו - י א ר ק, 9. (יט״א טעלעגראם). דאס האט געמאכט א גרויסען איינדרוק די סענסאציאנעל-ערקלערונג פון הענריק פארד צו די „ברידער יודען“. פארד בעדויערט זיין ביז-איצטיגע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטען, איז מודה, אז די פראטאקאלען פון די „זקני ציון“ איז א געפעלשטער דאקומענט און ערקלערט, אז ס׳טוט איהם זעהר באנג, וואס ער האט נעגעבען געלט אויף ארויסצוגעבען און צו פערשפרייטען זיי.

Z powodu zgonu

ś. p. **Ryszarda Bemego**

wyraża najszczersze współczucie Rodzinie Zmarłego i Dyrekcji kino-teatru „Luna“

WYDAWNICTWO

**„Najer Folksblat“**

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאמיליע גלאטט צוליבען פריהצייטיגען טויט פון זייער היים-געליבטען און אומפערגעסליכען זון און עלטער פון 24 יאהר

## נ. ע. משה בער בן ר׳ ברוך נ״י גלאטט

זאל איהם די ערד גרינג זיין!

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

אגרופע קאלעגען פון גייער׳ס ראיא.

8-טע דאמען-מאגאזין-שניידער-מייסטער

מיטגלידער און נישט-מיטגלידער איהר ווערט אויפגעפאדערט צו קומען מארגען מאנטאג, 5 א זייגער אין אווענד אויף א דרינגענדער

## פאך-פערזאמלונג

וועגען דער לעצטער קאנפערענץ מיט די קאנפעקציאנערען.

מיט אכטונג די פאך-קאמיסיע. 924

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז פרייטאג, דעם 8. יולי ד. י. געשטארבען אונזער אומפערגעסליכער זוהן, ברודער און שוואגער

## נ. ע. משה דוב בן ר׳ ברוך נ״י גלאטט

אין בליהענדער עלטער פון 24 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, דעם 10-טען יולי ד. י. פון טרויער-הויז, פעטריקאווער 309, פונקטליך 12 א זייגער מיטאג, וועגען וואס מיר מעלדען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע. 936

## אכטונג, בלעכער-מייסטער!

מיר פאדערן אויף אלע מיטגלידער און נישט-מיטגלידער צו קומען צו דער

## אלגעמיינער פערזאמלונג,

וואס קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 10 יולי אין פעראיינס-לאקאל, פעטריקויער 22

וועגען ליקווידירען דעם שטרייק מיט די בלעכער-געזעלען.

די פערוואלטונג. 935

## וויכטיג פאר ווירטסלייט

און קלעמפנער-מייסטער!

## פאפע, סמאלע,

ציגעלבלעך, ווי אויך פארשידענע בוי-מאטעריאלען

.... ליפערט צו מעסיגע פרייזען ....

קופערמינץ, פעטריקאווער 22,

טעלעפאן 48-18. 926

## וואנצען

און אלע אנדערע ווערים פערטיליגט

אמעריקאנישע

## „MORANT“

צו בעקומען אין אפטייקען און סקלאד אפטעקעשע

